בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מַיין שְׁוֶוער נֶעמְט אַסאַךְ לַחַץ פוּן מִיר, זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין צוּ אִים? ........א

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער? ............................ב

פַארְוָואס שְׁרַייבְט אִיר מִיט זִלְזוּל אוֹיף בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים? ......................ד

פַארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט פַייפְן מִיט דִי מוֹיל? ................................ז

וִויפִיל שֵׂכֶל אִין לֶעבְן בַּאקוּמְט מֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים? ............................ח

מַיין חַבֶרְ'טֶע אִיז אַנְטוֹישְׁט פוּן אִיר לֶעבְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן? ......י

מֶעג אַ מֵיידְל גֵיין מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ'ן גַאס? ..................................יג

וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵק אַ חַבֶרְ'טֶע וָואס אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע
אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן? ................................................טו

וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִינֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט בַּר מִצְוָה? ................יז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אֵיינְמָאל מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל ........................א

אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן פַארְ'ן עֵירוּב וֶועסְטוּ הָאבְן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ..א

וִויפִיל מִיר וֶועלְן נָאר טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג בַּאצָאלְט........ב

אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְן קַיין שַׁייכוּת מִיט צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען ...............ג

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט שְׁטֶעכְן אוּן טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן .........ג

אִין זְכוּת פוּן מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ ......ד

מִיט דֶעם וָואס דוּ טֵיילְסְט עֶסְן פַאר נוֹיטְבַּאדֶערְפְטִיגֶע, רַאטֶעוֶועסְטוּ
אַלֶעמֶען ..................................................................ד

אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין ..............................ה

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ לֶערֶעְרִין ..............................................ו
וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן ..........ו
יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט גֵייט אַרַיין אִין יֶענֶעם ..............................ז
אַ מַאמֶע דַארְף סְפֶּעצִיעֶל זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן .......ח
דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פַאר מֵיידְלֶעךְ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְנַאם שֵׁיין ......................ט
מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ טְרָאגְן נָאר אִין דִי גְרֶענִיצְן פוּנֶעם עֵירוּב..........ט
אִין דִי חֲדָשִׁים זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין אִין דִי מְקוֹמוֹת וָואס מֶען מַאכְט נֶעגְל . יא
זֹאת חֲנוּכָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג ............................................ יא
זָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט פַאר דִי לֶערֶעְרִינְס וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ טוּן...........יב
עֶלְטֶערְן דַארְפְן מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט'ן מוֹסָד ...........................................יד
אַ סֵדֶר פַאר חֲנוּכָּה ....................................................................יד
חֲנוּכָּה, אַ יוֹם טוֹב מִיט דִי קִינְדֶער ............................................... טו
חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן .................. טו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מַיין שְׁוֶוער נֶעמְט אַסאַךְ לַחַץ פוּן מִיר, זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין צוּ אִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אַבִּיסְל מֶער ווִי אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק אוּן אִיךְ בִּין דֶער עֶרְשְׁטֶער אֵיידֶעם בַּיי מַיין שְׁוֶוער. מַיין שְׁוֶוער אִיז מִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל זֶע אִיךְ אַז עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ לַחַץ אוּן פְּרֶעשׁוּר פוּן מִיר, וֶוען אִיךְ קוּם צוּ אִים ווִיל עֶר וַוייזְן אַז אַלֶעס אִין שְׁטוּבּ אִיז מְסוּדָּר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אוּן אַז דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן, עֶר שְׁווִיצְט מַמָּשׁ פוּן פְּרֶעשׁוּר אַז אַלֶעס זָאל מִיר גֶעפֶעלְן.

פוּן מַיין זַייט קוּם אִיךְ אוֹיךְ פוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶערוֹימְט גֶעשֶׁעט גָארְנִישְׁט.

וֶוען אִיךְ ווִיל עֶפֶּעס אַרוֹיס הֶעלְפְן וֶוערְט עֶר מַמָּשׁ הִיסְטֶערִישׁ, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אִים נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס אִיז בֶּעסֶער; זָאל אִיךְ מִיךְ אָפְּהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּ אִים אָדֶער זָאל אִיךְ יָא גֵיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ז כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עַל פִּי הַלָּכָה דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אַזוֹי ווִי מֶען אִיז

מְכַבֵּד טאַטֶע מַאמֶע; אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער מְחַבֵּר (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כד): "חַיָּיב אָדָם לְכַבֵּד חָמִיו", מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם שְׁוֶוער.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן רוּפְן דִי שְׁוֶוער - טַאטֶע אוּן דִי שְׁוִויגֶער - מַאמֶע; אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶערוּפְן זַיין שְׁוֶוער, שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ - 'טַאטֶע', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל א כד, יא): "וְאָבִי רְאֵה גַּם רְאֵה", עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן טַאטֶע.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער גֵיין צוּ זֵיי; זָארְג נִישְׁט, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען וֶועט זַיין נַאטִירְלִיךְ מִיט דִיר, מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְן קַיין שׁוּם דְרוּק וֶוען דוּ קוּמְסְט.

דוּ פוּן דַיין זַייט זַיי וַוייטֶער מְכַבֵּד דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן; דָאס וֶועט מַאכְן שְׁטַארְק דֶעם קֶשֶׁר צְוִוישְׁן עֶנְק, זֵי וֶועט זֶען וִוי שְׁטַארְק דוּ שֶׁעצְט זֵיי וֶועט זֵי וֶוערְן אֵיינְס מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶענֶען מִיר טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט כִּמְעַט דְרֵיי יָאר אוּן מִיר הָאבְן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, וָואס זָאלְן מִיר טוּן?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי מִיר זָאלְן גֵיין צוּ אַ גֶעווִיסֶע פְרוֹי וָואס זִי אַרְבֶּעט מִיט נַאטוּרְלִיכֶע מִיטְלֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ז כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס הָאט שָׂרָה אִמֵּנוּ גֶעטוּן צוּ הָאבְן קִינְדֶער? וָואס הָאבְן יִצְחָק אוּן רִבְקָה

גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער? וָואס הָאבְּן רָחֵל אוּן לֵאָה גֶעטוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער? וָואס הָאט חַנָה גֶעטוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער? דִי אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח) אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא, פַארְוָואס זֶעעֶן מִיר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער? 'אָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, מִפְּנֵי שֶׁהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָם כְּדֵי שֶׁיִרְבּוּ רַחֲמִים לְפָנָיו', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זֵיי, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן גְלַייךְ קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְתֵדַע לְךָ שֶׁכֵּן הוּא', אַ רַאיָ' הָאסְטוּ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן שָׂרָה אִמֵנוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט לַאנְגֶע יָארְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יִצְחָק, אַזוֹי אוֹיךְ יִצְחָק אָבִינוּ אוּן רִבְקָה אִמֵנוּ הָאבְּן גֶעוַוארְט צְוָואנְצִיג יָאר אוֹיף קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יַעֲקֹב, רָחֵל אִמֵנוּ הָאט גֶעוַוארְט פֶערְצְן יָאר אוֹיף קִינְדֶער, זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוֹיךְ זֶעט מֶען בַּיי חַנָה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא וָואס זִי הָאט אוֹיךְ גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אוּן גֶעבּוֹירְן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא, 'אֶלָא עַל כָּרְחֲךָ צָרִיךְ אַתָּה לִתְפּוֹס בְּיָדְךָ מִידָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁאָמַרְתִּי לְךָ מִתְּחִלָּה, מִפְּנֵי שֶׁהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָן כְּדֵי שֶׁיִרְבּוּ בְּרַחֲמִים לְפָנָיו'"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ וַוארְט לַאנְג אוֹיף קִינְדֶער, אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן זֵייעֶר קוֹל, אַז מֶען בֶּעט אִים דֶערוֹיף.

אוֹיבּ אִיר וֶוערְט נִישְׁט בַּארוּאִיגְט פוּן דֶעם, אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר דַארְפְט יָא עֶפֶּעס טוּן, קֶענְט אִיר גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער, אָבֶּער גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס פַארְפִירְן מֶענְטְשְׁן מִיט נַאטוּרְלִיכֶע וֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס שְׁרַייבְּט אִיר מִיט זִלְזוּל אוֹיף בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס זֶענֶען כְּסֵדֶר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] מִיטְ'ן קֶעפְּל: "מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן נָאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ"; אִיר שְׁרַייבְּט דָארְט: "זֵייעֶר טְשָׁאלְנְט זָאלְן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר זֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער", דָאס אִיז נָאךְ גוּט, אָבֶּער דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט ווַייטֶער: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן יֶענֶעמְ'ס בּוֹיךְ ווַיי, יֶענֶעמְ'ס סְבָרוֹת, יֶענֶעמְ'ס חֲלוֹמוֹת אוּן זִיסֶע מְשָׁלִים", דָאס הָאט מִיר שׁוֹין ווַיי גֶעטוֹן, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען שְׁרַייבְּן מִיט אַזַא זִלְזוּל אוֹיף אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים? אוּן דָאס טֵיילְט מֶען נָאךְ אוֹיס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם?!

אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק מִיט אַייעֶרֶע בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין וואוּ עֶס אִיז דֶער "מִכָּל מְלַמְּדֵי הִשְׂכַּלְתִּי"? פוּן יֶעדְן קֶען מֶען זִיךְ דָאךְ לֶערְנֶען עֶפֶּעס גוּטְס.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס פַאלְט דִיר בֵּיי אַז מֶען מַאכְט אַוֶועק אַנְדֶערֶע? קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן פִירְן זֵייעֶר קְהִילָּה אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

דוּ דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רַב פוּן שְׁטָאט זָאגְן עֶר ווִיל אַ דִין תּוֹרָה מִיט פְּלוֹנִי וֶועלְכֶער הָאט אִים מְבַזֶּה גֶעוֶוען; בִּשְׁעַת דִי דִין תּוֹרָה פְרֶעגְט אִים דֶער רָב: "וָואס הָאט עֶר דִיר פַארְשֶׁעמְט?" הָאט דֶער תּוֹבֵעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער אִיד אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ: 'דֶער נַאר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל! אִיךְ צֵייל בִּיז דְרֵיי אוּן וֶוען אִיךְ זָאג דְרֵיי ווִיל אִיךְ אִים שׁוֹין זֶען אִינְדְרוֹיסְן', אִיךְ בִּין פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיס גֶעלָאפְן - דֶערְצֵיילְט דֶער אִיד - יֶעצְט ווִיל אִיךְ אַז עֶר זָאל מִיר בַּאצָאלְן פַארְ'ן מִיךְ אַזוֹי

פַארְשֶׁעמֶען בָּרַבִּים". הָאט אִים דֶער רָב גֶעזָאגְט: "יֶענֶער הָאט דִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט, דוּ הָאסְט זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשֶׁעמְט, וָוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן אַרוֹיס לוֹיפְן פוּן שׁוּל?" אַזוֹי אוֹיךְ, פַארְוָואס טְרַאכְטְסְטוּ אַז מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין אַנְדֶערֶע?

מֶען מֵיינְט נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין קֵיינֶעם, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וֶוערְן אַריין גֶעכַאפְּט דוּרְךְ פְרוֹיעֶן בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת וָואס רֶעדְן הֲבֵל הֲבָלִים, זַאכְן וָואס קוּמְט פוּן גוֹיִם, אַיינְרֶעדֶענִישְׁן וְכַדוֹמֶה; עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן זֵיי וָואס הָאבְן אַ כֹּחַ הַדִּבּוּר, זֵיי קֶענֶען אִיבֶּער רֶעדְן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי אַריינְשְׁלֶעפְּן אִין זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת, נַאטוּרְלִיכֶע הֵיילוּנְג, נַאטוּרְלִיכֶע גֶעבּוּרְט, גוֹי'שֶׁע וֶועגְן פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, שָׁלוֹם בַּיִת פוּן גוֹי'שֶׁע בִּיכֶער וְכַדוֹמֶה לָזֶה; אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּין שְׁפֵּייט אוֹיס שְׁפֵּייאַכְטְס אוּן מַאכְט אַ גֶעוֶועבּ אוּן וֶוען עֶס כַאפְּט זִיךְ אַריין פְלִיגְן קוּמְט דֶער שְׁפִּין אוּן נָאגְט אַרוֹיס דִי מֹחַ, אַזוֹי וֶוערְן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע פְרוֹיעֶן אַריינְגֶעכַאפְּט אִין דִי נֶעץ פוּן דִי בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת.

דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער בְּרִיוו אַז מֶען זָאל נִישְׁט לָאזְן רֶעדְן בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת, מֵיינְט מֶען אָנְצוּזָאגְן פַאר פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת; וֶוען דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען זִיךְ צַאם זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט'ן רֶבִּינ'ס עֵצוֹת זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן דִמְיוֹנוֹת.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן דִי וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן; מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָאָה (צַוָאַת מוֹהֲרַא"שׁ, אוֹת טו) וָואס אִיז דֶער סִימָן פוּן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג אָדֶער אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא, אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ

חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בֵּיי אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק״, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן נָאר דִי וָואס פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן מוֹהֲרָא״ש**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן שְׁרַייבְּן אַז אַלֶעס אִיז גוּט; עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן דִי יְשׁוּעָה, נִישְׁט נָאר בֶּעטְן אַ בְּרָכָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיר מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן צַאמְנֶעמֶען דִי פְרוֹיעֶן אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֶעבְּן חִיזוּק פַאר פְרוֹיעֶן; וֶוער דַארְף נָאךְ אַזוֹיפִיל חִיזוּק ווִי אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי.

דִי פְרוֹיעֶן וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אוּנְזֶער מוֹסָד - זֵיי זָאלְט אִיר אַוַדַאי רוּפְן, דִי זֶענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע; אוֹיךְ זָאלְט אִיר רוּפְן אַלֶע וָואס ווִילְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט.

גֶעט אַכְטוּנְג עֶס זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען פְרוֹיעֶן וָואס פַּארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער פוּן רֶבִּי׳ן, זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן אַ מַשֶּׁהוּ אַנְדֶערְשׁ פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען רֶעדְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. זֵייעֶר טְשָׁאלְנְט זָאלְן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר זֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; מִיר זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן יֶענֶעמְ׳ס בּוֹיךְ ווֵיי, יֶענֶעמְ׳ס סְבָרוֹת, יֶענֶעמְ׳ס חֲלוֹמוֹת אוּן זִיסֶע מְשָׁלִים.

זַייט מְכַבֵּד צוּ רֶעדְן נָאר פְרוֹיעֶן וָואס פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַלֵיינְס אוּן פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא״ש.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## פַאַרְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט פַּייפְן מִיט דִי מוֹיל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאַרְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט פַּייפְן מִיט דִי מוֹיל, וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִיקִים, וֶוען מֶען פַּייפְט מִיטְ'ן מוֹיל בְּרֶענְגְט מֶען צוּ זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים, דִי וָואס טְשֶׁעפֶּען אוּן שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָא הָאסְטוּ אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם עִנְיָן (אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ חֵלֶק ב', מִכְתָּב קפז):

**"שָׁלוֹם אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַ שֵׁייגֶעץ פַּייפְט וְכוּ'. עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז מֶען פַּייפְט אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ קְלִיפּוֹת מִיט מַשְׁחִיתִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַּייפְן וְכוּ' מִיטְ'ן מוֹיל וְכוּ'. בִּכְלַל אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידֶל עֶרְלִיךְ.**

**זֶע זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפ"ה). אִיבֶּערְדֶעם זֶע דוּ אוֹיכֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּגָמִים וָואס דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן בִּיז יֶעצְט.**

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְדִיגְן תָּמִיד".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### וִויפִיל שֵׂכֶל אִין לֶעבְּן בַּאקוּמְט מֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעהֶערְט דֶעם שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט פַּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשפ"א, אוּן עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ בַּאנוּמֶען דִי בֵּיינֶער, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ מַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים וָואס אִיךְ נוּץ פַאר בִּיזְנֶעס וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיטְ'ן אִינְטֶערְנֶעט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ בִּזְכוּת דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דָאךְ הָאט מִיר זֵייעֶר בַּאנוּמֶען צְוֵויי נְקוּדוֹת.

אֵיינְס אַז יֶעדֶער קֶען זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אַ טָאג, מֶען דַארְף נָאר אוֹיפְגֶעבְּן דִי סְטַאטוּס וְכוּ'. נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעמֶעקְט אִיבֶּער דְרַייסִיג קָאנְטַאקְטְס וָואס לֵייגְן כְּסֵדֶר סְטַאטוּס, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז פוּן דִי אַלֶע לֵייגְן אַן עֶרֶךְ פוּן צֶען סְטַאטוּס אַ טָאג, דָאס אִיז 300 סְטֶעטָאס, וָואס לוֹיט דֶעם קוּמְט אוֹיס אַז 150 מִינוּט אַ טָאג גֵייט פַאר דִי שְׁטוּתִים, (אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע סְטַאטוּס אִיז לַאנְג 30 סֶעקוּנְדְן). דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ פַארְלָאזְט אַרִיבֶּער 40 וַואטְסְעֶפּפ גְרוּפְּס, אַפָּאר פוּן נַייעֶס, אַפָּאר פוּן סְתָּם לֵצָנוּת, אַפָּאר פוּן הֵיימִישֶׁע לָשׁוֹן הָרָע אוּן פָּאלִיטִיק, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט פְרַייטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט צְוֵויי אוּן דְרַייסִיג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מֶער אוּן מֶער רֶעדְן דֶערְפוּן בַּיי דִי דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט שִׁיעוּרִים.

צְוֵוייטְנְס הָאט מִיר בַּאנוּמֶען דֶער עִנְיָן פוּן אוֹיסְהֶערְן אַ וַוייבּ אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה וִוי אַזוֹי אִיר צוּ הֶעלְפְן, נָאר סְתָּם אוֹיסְהֶערְן, אוּן אַז נִישְׁט וֶועט זִי טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע מַאן אָדֶער פְרוֹי וָואס וֶועט אִיר אוֹיסְהֶערְן.

בִּכְלָל אִיז דִי גַאנְצֶע שִׁיעוּר גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל אוּן לֶעבְּן. אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶעס, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ דִי שֵׂכֶל אוֹיסְצוּהֶערְן דִי דְרָשׁוֹת וָואס זֶענֶען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע אִין דֶעם דוֹר וָואס רֶעדְט צוּם זַאךְ וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן אִין לֶעבְּן, נִישְׁט סְתָּם גֶערֶעדְט אִין דִי וֶועלְט אַרַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן עֶפְּנְט זִיךְ אַ נַייעֶ וֶועלְט, מֶען בַּאקוּמְט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַוֶועקְגֶעבְּן דִי צַייט פַּאר דִי סָארְט זַאכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת - מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; וֶוען מֶען זָאל אַריינְקְלֶערְן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, פוּן קוּקְן קְלִיפֶּס, סְטֶעטוּס וְכַדּוֹמֶה - וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ הָאבְּן דִי אַלֶע זַאכְן.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶוערְט אוֹיס בְּחִירָה, מֶען וֶוערְט גְלַייךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמ): "זַיי זָאלְן מִיר הֶערְן אֵיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגוּן אוּן מִיטְ'ן טַאנְץ, וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען"; וַוייל וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, זַיינֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען הָאט אַ לֵיידִיגֶע מִינוּט נוּצְט מֶען דָאס אוֹיס פַאר גוּטֶע זַאכְן, מֶען כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל תְּפִלָּה אוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין שְׁלוֹם בַּיִת; פַּאר מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג-רסד); מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט דִי וַוייבּ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָּר - קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; אוֹיבּ הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ' - דֶעמָאלְט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֶר קֶען דִינֶען דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ - אִיז מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיר טָארְן נִישְׁט הַאלְטְן דִי אַלֶע לִימוּדִים נָאר פַאר אוּנְז, מִיר דַארְפְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; נִישְׁט נָאר מִיר זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן, וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ וַוייבּ, נָאר אַלֶע זָאלְן וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת און דָאס וִויכְטִיגְקֵייט דֶערְפוּן, מִיר דַארְפְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיין חַבֶר׳טֶע אִיז אַנְטוֹישְׁט פוּן אִיר לֶעבְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּקִים, אִיךְ הָאבּ פִיל הַכָּרַת הַטוֹב פַאר אַייעֶר חִיזוּק און עֵצוֹת, עֶס הָאט מִיר מַמָשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צְוֵויי צוּרִיק, און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם דִי שֶׁענְסְטֶע גְלִיקְלִיכְסְטֶע לֶעבְן וָואס אִיךְ וָואלְט זִיךְ נָאר גֶעקֶענְט ווינְטְשְׁן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ נָאנְטֶע חַבֶרְ'טֶע, מִיר זֶענֶען צוּזַאמֶען אַסַאךְ אַרִיבֶּער אַלְס מֵיידְל און מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט. מַיין חַבֶרְ'טֶע הָאט בָּרוּךְ הַשֵׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיר מַאן בַּאלַאנְגְט צוּ אַ חֲסִידוּת מִיט אַסַאךְ חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, קְרוּם, נִישְׁט רִיכְטִיג און נִישְׁט אִידִישׁ.

אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר ווארוּיל און תְּמִימוּת'דִיג און עֶר וִויל זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט רִירְן פוּן דִי הַנְהָגוֹת פוּן זַיין חֲסִידוּת אֲפִילוּ מִיט אַ מַשֶׁהוּ, מַיין חַבֶרְ'טֶע אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זִי אִיז זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, זִי הָאט עֶרְוַוארְטֶעט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִינְגַאנְצְן פוּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְן און זִי פִּילְט מַמָשׁ פַארְלוֹירְן, זִי הָאט שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט און עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

זִי רֶעדְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיס צוּ מִיר אַז עֶס אִיז מַמָשׁ גֶעפֶערְלִיךְ, זִי קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר זֵייעֶר גוּט, אִיךְ הַאלְט אַז זִי אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט,

די שְׁאֵלָה אִיז נָאר וָואס אִיךְ דַארְף אִיר זָאגְן, צִי אִיךְ זָאל אִיר מְחַזֵּק זַיין? ווִיאַזוֹי דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאנֶעמֶען מִיט דֶעם? אוּן אוֹיבּ דַארְף אִיךְ זִיךְ טַאקֶע שְׁטֶעלְן צוּ אִיר זַייט? צִי דַארְף אִיךְ אִיר מְעוֹדֵד זַיין זִיךְ צוּ גֶט'ן? אִיךְ ווֶעל בֶּאֱמֶת שֶׁעצְן אוֹיבּ אִיךְ בַּאקוּם אַן עֶנְטְפֶער.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרֶעדְן זִיךְ צוּ גֶטְ'ן; אוֹיבּ מֶען דַארְף זִיךְ גֶטְ'ן - דָאס הָאט מִיט גְרוֹיסֶע רַבָּנִים, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל וָואס חַבֶרְ'טֶעס רֶעדְן, אָךְ אוּן ווֵיי פַאר אַ פְרוֹי וָואס הֶעצְט אָן זִיךְ צוּ גֶטְ'ן.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; ווִי קֶען זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ פְרוֹי זָאל פַארְגֶעסְן פוּן תְּפִלָּה?! אִיר דַארְפְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַנְשְׁטָאט אִיר אוֹיפְהֶעצְן קֶעגְן אִיר מַאן זָאלְט אִיר זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר ווִיל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, ווַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוָוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשָּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז אַ טָעוּת וָואס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק, מֶען מֵיינְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען וֶוען בֵּיידֶע - מַאן אוּן וַוייבּ - טְרַאכְטְן אֵיינִיג, בֵּיידֶע הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע מַחֲשָׁבָה, דִי זֶעלְבֶּע גֶעפִילְן וְכוּ'; דֶער טָעוּת הֵייבְּט זִיךְ אָן אֵיידֶער מֶען הָאט

חֲתוּנָה, מֶען גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ פַּאלְשֶׁע בְּלִיק אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, מֶען גְרֵייט זִיךְ אַז מֶען גֵייט טְרֶעפְן דֶעם פָּאר אוּן אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע וֶועג, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וֶועג; מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ טַעְנָה'ן, מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ קְרִיגְן.

דָאס אִיז אַ טָעוּת; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט וֶוען בֵּיידֶע טְרַאכְטְן אֵיינִיג, אַז בֵּיידֶע טְרַאכְטְן אֵיינִיג אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דָאס וָוארְט "שָׁלוֹם", שָׁלוֹם אִיז טַייטְשׁ וֶוען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן טְרֶעפְן זִיךְ צַאם אוּן דָאךְ אִיז מֶען בְּשָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן פ): "שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים", וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְוֵויי פַּארְקֶערְט זַאכְן - דָאס אִיז שָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן צְוֵויי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען וָואס אִיז שָׁלוֹם, מְחַבֵּר זַיין צְוֵויי פַּארְקֶערְט זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

זֵייעֶר אַסַאךְ גֶט'ן פַּאסִירְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען חָלוֹמְ'ט זִיךְ אַז מֶען גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אֵיינֶעם וָואס גֵייט זַיין אַזוֹי וִוי מִיר, טְרַאכְטְן וִוי מִיר, וֶועלְן וָואס אִיךְ וִויל, טוּן וָואס אִיךְ טוּ וְכוּ' וְכוּ', נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט; אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן טְרַאכְטְן אֵיינִיג, וֶועלְן דָאס זֶעלְבֶּע אוּן הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע גֶעפִילְן; שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס בֵּיידֶע וִוילְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ דָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ לִיבּ, בֵּיידֶע זֶענֶען מְוַתֵּר אֵיינֶער פַּארְ'ן צְוֵוייטְן אוּן זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶענֶעם.

זַייט אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר מַאן, וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אַ מֵיידְל גֵיין מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ'ן גַאס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדאנְקֶען פַאר די אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וְכוּ', וָואס אִיז אַזוֹי מְחַיֶּ'. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזאַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט אַז מֵיידְלֶעךְ זָאלְן נִישְׁט גֵיין שַׁבָּת שְׁפַּאצִירְן, וויל אִיךְ וויסְן אוֹיבּ צוּם טִישׁ מֶעג אִיךְ יָא גֵיין?

אוֹיךְ וויל אִיךְ וויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז צְנִיעוּת'דִיג פַאר אַ מֵידְל צוּ גֵיין מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ'ן די גַאס.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט נָאךְ פִינְף מָאל תְּהִלִּים, אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְ'ן מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן פַארְ'ן מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", דַיין וַוייבּ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי ווִי אַ וַוויינְשְׁטָאק וָואס אִיז פוּל מִיט טְרוֹיבְּן בִּזְכוּת וָואס זִי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, "בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית שֶׁהִיא צְנוּעָה", וֶוען זִי פִירְט זִיךְ ווִי די תּוֹרָה זָאגְט, זִי פִירְט זִיךְ בַּאשֵׁיידְן אוּן אֵיידְל, "זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים", וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן טוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בְּנוֹגֵעַ די בְּרִיוו פַאר מֵיידְלֶעךְ מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס אִין גַאס [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]; מֶען מֵיינְט נִישְׁט מֶען זָאל זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', מֶען קֶען גֵיין צוּם טִישׁ וְכַדּוֹמֶה, נָאר סְתַּם שְׁפַּאצִירְן אַרָאפּ אוּן אַרוֹיף די גַאס אִיז נִישְׁט די בֶּעסְטֶע זַאךְ.

שְׁפִּילְן גִיטַאר אִיז זֵייעֶר גוּט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, דֶעם זֶעקְסְטְן טָאג) דֶער עִיקָר רְפוּאָה וְוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְהֵיילְן דֶעם בַּת מֶלֶךְ אִיז דוּרְךְ נִיגוּנִים; אִיר קֶענְט שְׁפִּילְן אִין שְׁטוּב אוּן אַז אִיר ווִילְט גֵיין מִיט דֶעם אִין גַאס זָאלְט אִיר דָאס נֶעמֶען אִין אַ זֶעקְל - נִישְׁט אוֹיפְ׳ן רוּקְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת פַּאר אַ מֵיידְל צוּ גֵיין מִיט אַ גִיטַאר אוֹיפְ׳ן רוּקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אוֹיפְ׳ן גַאס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ פִירְן אוֹיפְפַּאלְנְד; אוֹיבּ מֵיידְלֶעךְ ווִילְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אָדֶער פְרוֹיעֶן - דַארְף דָאס זַיין אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן. אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא פַארְשְׁפְּרֵייטְן צְווִישְׁן פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, אָבֶער דָאס גֵייט צוּ אוֹיף זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע וֶועג; נִישְׁט מִיט קַיין רַעַשׁ, נִישְׁט מִיט קַיין שְׁטוּרֶעם; דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז זַיין אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה אִיז נִישְׁט אַ צַייט פוּן גֵיין אִין גַאס, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מה, יד): ״כָּל כְּבוּדָּה בַּת מֶלֶךְ, פְּנִימָה״, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער אִיז צוּ זַיין אִין שְׁטוּב; אַוַדַאי דַארְף מֶען גֵיין אִין גַאס עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, מֶען דַארְף אַיינְקוֹיפְן וְכוּ׳, אָבֶער סְתָּם אַרוֹיס גֵיין שְׁפַּאצִירְן - בְּרֶענְגְט נָאר פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וָואס דַארְפְט אִיר מֶער פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי תּוֹרָה אַז שְׁכֶם הָאט פַארְכַאפְּט דִינָה - יַעֲקֹב אָבִינוּ׳ס טָאכְטֶער, עֶר הָאט אִיר גֶעפַּיינִיגְט וְכוּ׳; אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען וַוייל זִי אִיז אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן אִין דִי גַאסְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לד, א): ״וַתֵּצֵא דִינָה לִרְאוֹת בִּבְנוֹת הָאָרֶץ״, דִינָה אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן; דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה.

גֶעט אִיבֶּער פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אֵיידְל, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵיי

זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי לֶערֶערִינְס אוּן צוּ דִי מְנַהֶלֶת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוֹיבּ מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט מִיד זָאל מֶען נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט פַאסְטְן אוּן תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט סִיגוּפִים, תְּשׁוּבָה אִיז צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תְּשׁוּבָה אִיז צוּ זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן הַיינְט זַיין צוּ דִיר גֶעטְרֵיי. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע"**.

אוֹיבּ מֶען ווִיל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן קֶען מֶען גֵיין צוּ אַ חַבְרְטֶ'ע, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר חַבֶרְ'טֶעס וָואס רֶעדְן שֵׁיינֶע זַאכְן; מֶען קֶען זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ דְרֵייעֶן אִין גַאס. אַזוֹי אוֹיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן גֵיין אִין גַאס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵּק אַ חַבֶרְ'טֶע וָואס אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ חַבֶרְ'טֶע וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִיר אוּן זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן מֶענֶער. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי הָאט אֶפְשָׁר גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן וְכוּ', הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז יָא. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אִיר מִשְׁפָּחָה אָדֶער אַ פְרֶעמְדֶער מַאן, הָאט זִי מִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר, אִיךְ ווִיל זִי זָאל וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל זִי זָאל

קֶענֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן.

וֶוען זִי הָאט מִיר דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן אִיר צוּ הֶעלְפְּן אוּן זוּכְן אַן עֵצָה פַאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם. בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען אִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס וֶועט אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִיר פְּרָאבְּלֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה; לֵיידֶער אִיז דִי וֶועלְט אַזוֹי גֶעפַאלְן, מְנֻוָּלִים אוּן מַשְׁחִיתִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם הֶפְקֵר, פְרַאנְק אוּן פְרֵיי; זֵיי הַרְגֶ׳עֶנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר דִי בַּא׳עַוְלָה׳טֶע. וֶוען אַ קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער אַ פַּרְשָׁה מִיט אַ מֵשְׁחָת, אַ מְנֻוָּל - אִיז דָאס קִינְד אַ גֶע׳שָׁחְט׳עֶנֶער פַארְ׳ן לֶעבְּן.

מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט אָנְגְרֵייטְן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אָנְגְרֵייטְן וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, רֵיין אוּן הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן וִויסְן נִישְׁט אָנְצוּקוּמֶען אִין דִי רוֹצְחִ׳ישֶׁע הֶענְט; דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז אַז אוֹיבּ רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער פוּן זִיךְ הִיטְן פוּן מְנֻוָּלִים שְׁרֵייט מֶען: "מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם"; גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן! וִוי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי נַארִישׁ צוּ זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וִויסְן זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מְנֻוָּלִים, מַשְׁחִיתִים?!

אַייעֶר חַבֶרְ׳טֶע אִיז אִין אַ בִּיטֶערֶע צָרָה, דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ זִי וִויל זִיךְ הֶעלְפְן; פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, מֶען דַארְף אָבֶּער וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, אוֹיבּ זִי וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם וֶועט זִי מַצְלִיחַ זַיין.

דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אִיז אַ הֵיילוּנְג פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס טוֹישְׁט דִי טֶבַע, עֶס טוֹישְׁט נַאטוּר. אַז מֶען נֶעמְט דָאס עֶרְנְסְט, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז אַרִיבֶּער, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטְן פְרַיינְט, דַאן טוֹישְׁט זִיךְ אַלֶעס, מֶען קְרִיכְט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם.

אַז אַייעֶר חַבֶרְ׳טֶע הָאט אַייךְ דֶערְצֵיילְט וָואס זִי אִיז אַרִיבֶּער אִיז דָאס מִן

הַשָּׁמַיִם איר זָאלְט רֶעדְן מִיט אִיר, אִיר מְחַזֵּק זַיין; דֶערְצֵיילְט אִיר פוּן רֶבִּי'ן, זָאגְט אִיר אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן. זָאגְט אִיר דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִי זָאל גֵיין אִין אִיר צִימֶער, פַארְמַאכְן דִי טִיר, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, עֶר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן אִיר מֹחַ, זִי זָאל קֶענֶען אָנְהֵייבְּן דָאס לֶעבְּן פוּן נֵיי.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָבוּק צוּ הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גְלֵייבְּט זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער אוּן אִיז מְקַיֵּים בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת וָואס זֵיי זָאגְן; דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ אִינֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט בַּר מִצְוָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי בְּרוּךְ הַשֵּׁם בַּר מִצְוָה וֶוערְן בְּקָרוֹב, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ טוּן אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ג), וֶוען עֶר הָאט בַּר מִצְוָה גֶעהַאט אִיז גֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים אֶפְרַיִם פוּן סִידִילְקוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס פֶעטֶער. עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טָאג וָואס מֶען וֶוערְט בַּר מִצְוָה.

אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, דַף צח.): "הַהוּא דְּזָכֵי לִתְלֵיסַר שְׁנִין וּלְהָלְאָה, אִקְרֵי 'בֵּן' לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל", פוּן וֶוען מֶען וֶוערְט דְרַייצְן יָאר וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן אַ קִינְד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כַּד מָטָה דָּוִד לִתְלֵיסַר שְׁנִין, וְזָכָה בְּהַהוּא יוֹמָא דְּעָאל לְאַרְבֵּיסַר", וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַלְט גֶעוָוארְן דְרַייצְן יָאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק "ה' אָמַר אֵלַי בְּנִי אַתָּה, אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מִיר, מַיין קִינְד הַיינְט הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעבּוֹירְן, "מַאי טַעְמָא", וָואס אִיז דֶער טַעַם אַז עֶס וֶוערְט גֶערֶעכֶנְט ווי מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר? "דְּהָא מִקַּדְמַת דְּנָא לָא הֲוָה לֵיהּ בְּרָא, וְלָא שָׁרָאת עָלֵיהּ נִשְׁמְתָא עִלָּאָה, דְּהָא בִּשְׁנֵי עָרְלָה הֲוָה", וַוייל פַאר דִי דְרַייצְן יָאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, פַאר דִי דְרַייצְן יָאר וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוֹי ווי עָרְלָה, "וּבְגִין כָּךְ אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ, הַיּוֹם וַדַּאי יְלִדְתִּיךָ", דֶערְפַאר וֶוערְט גֶערֶעכְנְט ווי מֶען וֶוערְט דֶעמָאלְט גֶעבּוֹירְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז דִי וֶוערְטֶער וָואס זַיין גְרוֹיסֶער פֶּעטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען אַזוֹי טֵייעֶר, מַמָּשׁ ווי אֵיינֶער טְרֶעפְט אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר; עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיס חִיזּוּק, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט דֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר: "אִיךְ הָאבּ דִיר הַיינְט גֶעבּוֹירְן, דוּ בִּיסְט מַיין קִינְד".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט (רַגְלֵי מוֹהֲרָא"שׁ, סְעִיף קָטָן י) אַז פַאר זַיין בַּר מִצְוָה הָאט אִים זַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם גֶענוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִים אָנְגֶעזָאגְט דְרֵיי זַאכְן: א - עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי תְּפִילִין; ב - עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן בַּיים דַאוֶוענֶען; ג - עֶר זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ גוּף נָקִי (עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וֶוען מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דַארְף מֶען נוּצְן אַסַאךְ פַּאפִּיר"; עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעזָאגְט אַפָּאר מָאל "אַסַאךְ פַּאפִּיר"), אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִּירְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאלְסְט זַיין דָבוּק אִין צַדִּיקִים דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אֵיינְמָאל מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ; טְרַאכְטְס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען. אֵיינְמָאל מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט חֲרָטָה וָואס אִיז גֶעוֶוען - דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן דִי בְּרִיוו אַז אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת בַּאקוּמְט מֶען דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה, אָבֶּער אַז אִיר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ צוּ הַאלְטְן דִי הֲלָכוֹת - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ גֶעבְּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט אַייךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק יֶעדְן טָאג אִיר זָאלְט אִינְאֵיינֶעם לֶעבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

פוּן אַייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן פַארְ׳ן עֵירוּב וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶוען דֶעם עֵירוּב טְרָאק פַארְ׳ן שְׁטֶעטְל

- קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער; גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, נָאךְ קִינְדֶער אוּן קִינְדֶ'ס קִינְדֶער.

הֶעלְפְן מַאכְן אַן עֵירוּב אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער, דֶער שִׁינָאוֶוער רָב הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיב עֶס אִיז דָא אַן עֵירוּב אִין דִי שְׁטָאט וואוּ עֶר וואוֹינְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב: "ווִי קֶען מֶען טְרָאגְן (טְרָאגֶעדִיג וֶוערְן) אַז מֶען קֶען נִישְׁט טְרָאגְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵירוּב? אַז אִיר וֶועט מַאכְן דֶעם עֵירוּב וֶועט מֶען קֶענֶען טְרָאגְן".

זָאג פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אוֹיב דוּ ווִילְסְט מֶען זָאל מְפַרְסֵם זַיין דַיין נָאמֶען אוֹיפְ'ן טְרָאק, אָדֶער ווִילְסְטוּ עֶס זָאל זַיין פְּרִיוַואט צְווִישְׁן דִיר אִינֶעם וְעַד הָעֵרוּב.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דִיר.

...

## ווִיפִיל מִיר וֶועלְן נָאר טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג בַּאצָאלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי; ווִיפִיל מִיר וֶועלְן נָאר טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן - וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קֶרֶן וָואס דוּ ווִילְסְט מַאכְן; עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ וואוּ אִינְגֶעלַייט לֵייגְן אַרַיין גֶעלְט אוּן מֶען אִינְוֶועסְטִירְט עֶס וְכוּ' וְכוּ' אוּן דִי רְוָוחִים וֶועט גֵיין פַאר דִי יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאב עֶס אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְן מִיט דֶעם.

בְּנוֹגֵעַ לֵייגְן בִּילְדֶער אִין דִי מַאגַאזִינֶען; דָאס וָואס אִיךְ הָאב דִיר גֶעגֶעבְן רְשׁוּת אִיז נָאר וַוייל (חָסֵר), יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ נֶעמְסְט צַאם גֶעלְט, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער שְׁטֵיי וַוייט פוּן דֶעם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט לִיגְן אִין זֵייעֶר בֵּית הַקְּבָרוֹת; אִיךְ הָאב אַ חֶלְקָה פַאר מִיר וואוּ אִיךְ ווִיל לִיגְן.

...

### אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן; גֶעבְּן גֶעלְט אַרַיינְצוּלֵייגְן בִּילְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן. אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען, אִיךְ עֶקֶל זִיךְ פוּן זֵיי, אִיךְ ווִיל נִישְׁט לִיגְן אִין זֵייעֶר "בֵּית הַקְּבָרוֹת".

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז נָאךְ אַזוֹיפִיל זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, נָאךְ אַזוֹיפִיל הֶערְן דְּרָשׁוֹת - לוֹיפְט מֶען נָאכְאַלְץ צוּ דִי זַאכְן.

מִיר אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ זַיין אִין דִי צֵייטוּנְג אוּן מַאגַאזִינֶען; יֶעדֶע דָאלֶער וָואס מֶען גֶעבְּט פַּאר דֶעם אִיז בַּל תַּשְׁחִית, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ קָאמְפֵּיינֶען צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל דְרוּקְן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם.

...

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט שְׁטֶעכְן אוּן טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַלֶע רֶעדְן אוֹיף דִיר; אַלֶע זָאגְן אַז דַיין צוּגַאנְג צוּ בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים אִיז נִישְׁט שֵׁיין, נִישְׁט גוּט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל דוּ בִּיסְט יֶעצְט אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט עֶטְלִיכֶע מָאל אָנְצוּטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִיר, אַלְץ קוּמְט צוּרִיק דֶעם זֶעלְבְּן עֶנְטְפֶער; מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא פוּן דִיר, פוּן דַיין שַׁארְפְקֵייט. דַיין וֶועג אִיז צוּ שְׁטֶעכֶעדִיג.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶערֶעדְט מִיט דִיר, וָואס גֶעשֶׁעט? פַּאר צְוֵויי וָואכְן פְּרוּבִּירְסְטוּ, נָאכְדֶעם וֶוערְסְטוּ נָאכְמֶער צִיפֶּעדִיג, שַׁארְף אוּן שְׁטֶעכֶעדִיג.

אַז דוּ ווילְסְט דיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, דַארְפְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'נָאר' אוֹיף דֶעם פְּרַט, דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן שַׁארְף, אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען, פְלִיקְן, שְׁטֶעכְן, צִיפְּן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

...

## אִין זְכוּת פוּן מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב**

הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ זָארְגְסְט פַאר אִים, דוּ רוּפְסְט אִים פוּן צַייט צוּ צַייט עֶסְן, דוּ בִּיסְט אִים מְחַזֵק. עֶר זָאגְט מִיר אַז דָאס אִיז פַאר אִים מַמָשׁ וִויכְטִיג; עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קֵיין שְׁטוּב, עֶר אִיז עֶלֶנְד, אֵיינֶער אַלֵיין.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דָאס וָואס דוּ טוּסְט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען אֵיינֶער טוּט מִיט אַ צְוֵוייטְן חֶסֶד.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שְׁטוּב - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב; דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר "דְרַאפֶּע זִיךְ", "דֶערְהַאלְט זִיךְ"; לָאז נִישְׁט אָפּ דִי מִשְׁנָיוֹת, דִי גְמָרָא; לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן.

...

## מִיט דֶעם וָואס דוּ טֵיילְסְט עֶסְן פַאר נוֹיטְבַּאדֶערְפְטִיגֶע, רַאטֶעוֶועסְטוּ אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט'ן גֶעבְּן עֶסְן פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת הַנִּצְרָכִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אָפְּהִיטְן דִי שְׁטָאט פוּן שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת

צְדָקָה, סִימָן מ): "כְּשֶׁאֵין בָּעִיר מִי לִסְמֹךְ אֶת הָעֲנִיִּים", וָוען עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין שְׁטָאט וָוער עֶס הֶעלְפְט אָרֶעמֶעלַייט, "בָּא שְׂרֵפָה", קוּמְט רַחֲמָנָא לִצְלַן שְׂרֵפוֹת; מִיט דֶעם וָואס דוּ טֵיילְסְט עֶסְן פַאר דִי נוֹיטְבַּאדֶערְפְטִיגֶע מִשְׁפָּחוֹת - רַאטֶעוֶועסְטוּ אַלֶעמֶען.

אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מְזוֹנוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְפְסְטוּ דָאס טוּן מִיט חָכְמָה; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי דָאס אַרוֹיסְצוּלֵייגְן וַוייל דִי קִינְדֶער עֶסְן זִיךְ אָן, נָאכְדֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין סְעוּדָה. דַארְפְסְט טְרַאכְטְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ וֶועג אַז נָאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווִילְן אַהֵיימְטְרָאגְן זָאלְן קֶענֶען נֶעמֶען, דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אָנְעֶסְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נֶחָמַת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּרַחֵם עַל עֲנִיִּים", וָוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אָרֶעמֶעלַייט, "זוֹכֶה לִרְאוֹת בְּנֶחָמוֹת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען בְּנֶחָמַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

...

## אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיכְטִיגֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ בַּאקוּם אַ בִּילְד וִוי דוּ לֶערְנְסְט - וֶוער אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' שִׁיקְט כְּסֵדֶר בִּילְדֶער וִוי דוּ לֶערְנְסְט אִין שְׁטוּבּ, דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוֹיךְ וַוייז אִיךְ עֶס פַאר מַאמִי תִּחְיֶ'. דָאס אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶער בַּאגֶער, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן פַארְטָאגְס; וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, דֶעמָאלְט אִיז דֶער קָאפּ, דֶער מֹחַ - נָאךְ לוֹיטֶער, אִיז דַאן אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אִים צוּ דִינֶען.

מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר אָנְצוּקוּמֶען צוּ עֶנְדִיגְן "כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ"; הֵייבּ אָן אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, לֶערְן צוּבִּיסְלִיךְ אוֹיף אַ סֵדֶר, בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס מְסַיֵּים זַיין, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מֶדְרָשׁ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ לֶערֶערִין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ לֶערֶערִין.

אִיךְ וֵייס ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶע לֶערֶערִין; אִיךְ אַלֵיין זִיץ מִיט קִינְדֶער שׁוֹין אִיבֶּער זֶעכְצְן יָאר, אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען שְׁפִּירְן ווִי מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט, מֶען ווִיל אַלֶעס אָפְּלָאזְן; דָאךְ דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן דִי פִּילֶע חִיזוּק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

דִי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאבְּן מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִיךְ זָאל קֶענֶען זֶען אִין אַמֶערִיקֶע אִין יְשִׁיבָה וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ זֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, טָאג נָאךְ טָאג קוּמְט אַרַיין אַ קִינְד אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זִיצְט אוּן לֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה; אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וֶוער דָאס אִיז בִּיז מֶען הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן דַיין הַתְמָדָה, אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג פֶערְצְן בְּלַאט גְמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן, וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמַה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן

אִיז חָשׁוּבִ׳עֶר פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע זְמַן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין הַתְמָדָה; לָאז זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן קֵיינֶעם, וֶוען דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; דוּ זִיץ אִין דַיין ווִינְקֶעלֶע אוּן זָאג דִי הֵיילִיגֶע ווֶערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, ווֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ נַחַת אִיךְ הָאבּ יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע דִיךְ לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען לֶערְנֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט שְׁטַארְק הַנָאָה פוּן דִי וָואס זֶענֶען זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן – מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט גֵייט אַרַיין אִין יֶענֶעם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַנֵךְ זַיין בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל זַיי זָאלְן זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אֲפִילוּ עֶס זֶעט צוּמָאל אוֹיס אַז דִי אַרְבֶּעט גֵייט לְאִבּוּד, עֶס דַאכְט זִיךְ ווִי עֶס גֵייט אַרַיין אִין אֵיין אוֹיעֶר אוּן אַרוֹיס פוּן דִי אַנְדֶערֶע, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט גֵייט אַרַיין אִין יֶענֶעם; בִּפְרַט קִינְדֶער, זֵיי הֶערְן אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט אוּן עֶס גֵייט זֵיי אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, ווֶעלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

...

## אַ מַאמֶע דַארְף סְפֶּעצִיעֶל זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג.

דִי חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְן וָואס מֶען קוּקְט אוּן וואוּ מֶען גֵייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי חֲגִיגָה ב, א) דֶער תַּנָא אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אַפִּיקוֹרֶס, אַ מְחַלֵל שַׁבָּת, וַוייל פַאר עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעוַוארְט - פְלֶעגְט זִי זִיךְ דְרֵייעֶן אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, זִי פְלֶעגְט גֵיין בַּיי גוֹי׳שֶׁע פְּלֶעצֶער אוּן הַנָאָה הָאבְן פוּן זֵייעֶרֶע מְסִיבּוֹת, זִי פְלֶעגְט שְׁמֶעקְן דִי רוֹיךְ פוּן זֵייעֶרֶע פַּארְטִיס, "וְהָיָה אוֹתוֹ הָרֵיחַ מְפַעְפֵּעַ בְּגוּפָהּ כְּאֵירְסָהּ שֶׁל חַכִינָה", דָאס אִיז אַרַיין אִין אִיר אוּן הָאט פַארְגִיפְטֶעט דָאס קִינְד. יָארְן שְׁפֶּעטֶער, נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ תַּנָא, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס - הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט דִי בַּאהַאלְטֶענֶע גִיפְט אוּן דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען עֶר זָאל אַזוֹי אַוֶועקְפַאלְן.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען מֶען קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען קֶען קוּקְן אוּן מִיט הַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי גוֹיִם, דַארְף מֶען זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ קוּקְן דִי אַלֶע זַאכְן, וּבִפְרַט אִין דִי חֳדָשִׁים.

אִין דִי חֳדָשִׁים דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם; וֶוען אִיר הָאט צַייט זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִים, וֶועט אַרַיינְגֵיין אַ הֵיילִיגְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי יְבָמוֹת א, ו) דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָ׳ פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען אִינֶעם וִויגְל אוּן לֵייגְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִים - פוּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אַ פִּיצְל קִינְד - דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן תּוֹרָה.

...

**די שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פַאר מֵיידְלֶעךְ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְנַאם שֵׁיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד די חָשׁוּבְ׳עֶ מָרַת ... תְּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

די מֵיידְלֶעךְ און די וַוייבְּלֶעךְ, אַלֶע גֶעבְּן אִיבֶּער גָאר שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּנֶעם "שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת", זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ דֶערְצֵיילְן ווי שֵׁיין און תּוֹכְן׳דִיג דָאס אִיז גֶעוֶוען.

מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן פוּן מַאכְן נָאךְ אַזַא שַׁבָּת פַאר די תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ איר זָאלְט קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט די הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

**מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ טְרָאגְן נָאר אִין די גְרֶעניצְן פוּנֶעם עֵירוּב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל וְעַד הָעֵרוּב קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק**

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט די מַאפֶּע פוּן דֶעם ׳עֵירוּב קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי׳; וַוייז דָאס פַארְ׳ן רַב הַמַּכְשִׁיר, אוֹיבּ עֶר אִיז צוּפְרִידְן זָאלְסְטוּ דָאס מְפַרְסֵם זַיין כְּדֵי מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קוּמֶען צוּ חִלּוּל שַׁבָּת.

מֶענְטְשְׁן הֶערְן אַ וָוארְט ׳עֵירוּב׳ מֵיינְט מֶען שׁוֹין אַז מֶען קֶען טְרָאגְן וואוּ מֶען וִויל, דַארְפְן מִיר מְפַרְסֵם זַיין אַז דֶער עֵירוּב אִיז נִישְׁט פַאר לִיבֶּערְטִי בִּכְלָל נָאר פַאר אַ שְׁטִיקְל גֶעגְנְט, וואוּ מִיר וואוֹינֶען.

דֶער נַדְבָן פוּנֶעם עֵירוּב טְרָאק בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שְׁרַייבְּן אוֹיפְ׳ן טְרָאק: "עֵירוּב בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק", שְׁרַייבּ נִישְׁט "זֹאת נִדְבַת".

עֶפְן אַ נֵייעֶם קַארְפָּארֶעיִשְׁן; נֶעם אַרַיין די פָאלְגֶנְדֶע נֶעמֶען אִינֶעם בָּארְד: ... נֵרוֹ יָאִיר, ...., ... און ...; די פִיר - מִיט דִיר.

בַּייגֶעלֵייגְט אִיז דִי מַאפֶּע וואוּ מֶען קֶען טְרָאגְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; דִי מֵיידְל קֶעמְפּ אִיז חוּץ לָעֵרוּב.




...

## אִין דִי חֲדָשִׁים זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין אִין דִי מְקוֹמוֹת וָואס מֶען מַאכְט נֶעגְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב אִיז אַ סַכָּנָה פַאר דִי פְּרוֹי צוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען מַאכְט דִי נֶעגְל. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נִדָּה יז.) עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס: "הָעוֹשֶׂה אוֹתָן - מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", אוֹיב מֶען טוּט דָאס אִיז מֶען שׁוּלְדִיג, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז: "הַנּוֹטֵל צִפָּרְנָיו וְזוֹרְקָן לִרְשׁוּת הָרַבִּים", דֶער וָואס שְׁנַיידְט דִי נֶעגְל אוּן וַוארְפְט עֶס אִין רְשׁוּת הָרַבִּים, "מִפְּנֵי שֶׁאִשָּׁה מְעֻבֶּרֶת עוֹבֶרֶת עֲלֵיהֶן וּמַפֶּלֶת", וַוייל אַ פְרוֹי וָואס וַוארְט וְכוּ', אוֹיב זִי גֵייט אוֹיף נֶעגְל - פַארְלִירְט זִי; דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ פְרוֹי וָואס וַוארְט זָאל נִישְׁט גֵיין אִין דִי מְקוֹמוֹת וָואס מֶען מַאכְט נֶעגְל.

אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט דַארְף מֶען בֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת; מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען טוֹישְׁן אֲפִילוּ דִי טֶבַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנֶּה אֶת הַטֶּבַע", אֲפִילוּ דִי טֶבַע זָאגְט אֵיין זַאךְ, קוּמְט תְּפִלָּה אוּן דְרֵייט אַלֶעס אִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זֹאת חֲנוּכָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ נֶעמְסְט צַאם אַלֶע תַּלְמִידִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל זֹאת חֲנוּכָּה, מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָנַ"ת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

זֹאת חֲנוּכָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (בַּת עַיִן פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, עַל הַפָּסוּק וַיְהִי כְּמִשְׁלֹשׁ חֳדָשִׁים וְגוֹ'; זֶרַע קוֹדֶשׁ לֵיל ג' דַּחֲנוּכָּה, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "בְּפָסוּק") אַז דֶער גְּמַר פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אִינֶעם טָאג 'זֹאת חֲנוּכָּה'. אַלֶע תִּיקּוּנִים וָואס הֵייבְּן

זִיךְ אָן פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּיפּוּר, סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, שִׂמְחַת תּוֹרָה, אִיז דֶער גְמַר דֶערְפוּן זֹאת חֲנוּכָּה; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג אוּן מֶען קֶען פוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

זֹאת חֲנוּכָּה אִיז זֵייעֶר אַ פַּאסִיגֶע צַייט צוּ גֵיין קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן; מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יָדִי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאִי אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵל'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ יְשׁוּעָה.

זַייט אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט פַאר דִי לֶערֶערִינְס וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ טוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ טוּן; לֵייגְט אִין דִי זַייט אַלֶע גֶעפִילְן, וֶוערְט שְׁטַארְק אוּן זָאגְט זֵיי אָן קַיין שׁוּם מוֹרָא וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ טוּן.

אַ טִיטְשֶׁער טָאר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער; אַז אִיר זֶעט אַ טִיטְשֶׁער שְׁפִּילְט אַרוּם, זִי נֶעמְט נִישְׁט עֶרְנְסְט אִיר אַרְבֶּעט - זָאלְט אִיר זִי זָאגְן, אוּן אַז אִיר זֶעט זִי

שְׁפִּילְט זִיךְ וַוייטֶער אַרוּם, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן טִיטְשֶׁער.

סְפֶּעצְיֶעל בַּיי יוּנְגֶע קִינְדֶער; יוּנְגֶע קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן אֲפִילוּ פַּאר אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן נָאךְ אַ טִיטְשֶׁער זָאל זַיין מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי צַייט וָואס דִי טִיטְשֶׁער נֶעמְט לָאנְטְשׁ, וַוייל יוּנְגֶע קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט זַיין אַלֵיין.

אַזוֹי אוֹיךְ קֶענֶען דִי טִיטְשֶׁערְס נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַּאר מִיר דָאס וָואס מֶען הַאלְט עֶס אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל דִי וָואס הָאבְּן טֶעלֶעפָאוֹנְס - דִי טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, זֵיי גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם טֶעלֶעפָאן גֶעבְּן אַ בְּלִיק אֶפְשַׁר הָאט אֵיינֶער גֶעשִׁיקְט אַ מֶעסִידְזְשׁ, דִי קָאפּ אִיז נִישְׁט בַּיי דִי קִינְדֶער.

דִי טִיטְשֶׁערְס דַארְפְן קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אוֹיף דֶעם זָאלְט אִיר זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין; וָואס וֶועט אִיר הָאבְּן פוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן וֶוען דִי טִיטְשֶׁער קוּמְט אָנְגֶעשְׁמִירְט וִוי אַ קְלַאוּן? מֶען קֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אוֹיבּ דִי לֶערֶערִינְס אוּן דִי מְלַמְדִים פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס מֶען וִויל פּוֹעֶלְ'ן; עֶס אִיז נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט, עֶס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט דָאס; אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיפְ'ן טִיטְשֶׁער - דַארְף מֶען שׁוֹין אַלֵיינְס זֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט (חַסְדֵי אָבוֹת עַל מַסֶכֶת אָבוֹת א, ג) וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן כְּסֵדֶר אִין פִּרְקֵי אָבוֹת: "הוּא הָיָה אוֹמֵר", וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן 'עֶר הָאט גֶעזָאגְט?' זָאגְסְט דָאךְ זַיין נָאמֶען פַאר דֶעם, וָואס זָאגְט מֶען אַלְץ אִיבֶּער "הוּא הָיָה אוֹמֵר" - עֶר הָאט גֶעזָאגְט? נָאר דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן אַז דֶער תַּנָא - זַיין מַהוּת הָאט אַלֵיינְס גֶעזָאגְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט; נִישְׁט עֶר הָאט סְתָּם גֶעזָאגְט אַ שֵׁיינֶע מִדָה, אַ שֵׁיין וָוארְט. "הוּא הָיָה אוֹמֵר" - בְּלוֹיז אִים אָנְקוּקְן הָאט שׁוֹין אַלֵיינְס גֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זַיין שְׁטַארְק וִוי אַייזְן; אִיר זָאלְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן פַארְלַאנְגֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶלְטֶערְן דַארְפְן מִיט אַרְבֶּעטְן מִיטְ'ן מוֹסָד

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי חֲנוּכָּה מְסִיבּוֹת, גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיז דִי פַארְבְּרֶענְג מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - קֶענְסְטוּ גֵיין, אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן נִישְׁט גֵיין. מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת, מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ חִינוּךְ אָוֶוענְט; אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען מִיט הַאלְטְן דִי חִינוּךְ אָוֶוענְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיטְ'ן מוֹסָד; מֶען קֶען נִישְׁט שִׁיקְן קִינְדֶער אִין מוֹסָד אָן דֶעם וָואס מֶען אַרְבֶּעט מִיט מִיטְ'ן מוֹסָד.

דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר וֶועט דִי וָואךְ זַיין מִיטְוָואךְ נַאכְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ סֵדֶר פַאר חֲנוּכָּה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָא הָאסְטוּ אַ סֵדֶר פַאר חֲנוּכָּה.

זֶע צוּ עֶנְדִיגְן אַרְבֶּעטְן צַייטְלִיךְ, זָאלְסְט קֶענֶען צִינְדְן דִי לִיכְט אִין צַייט, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב.

אַז דוּ קֶענְסְט כַאפְּן אַ טְבִילָה פַארְ'ן צִינְדְן - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים.

בִּשְׁעַתְ'ן צִינְדְן דִי מְנוֹרָה קוּמְט אַרָאפּ אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. זִינְג דִי זְמִירוֹת בַּיי דִי לִיכְט אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס, נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אוּן הַיינְט הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ מִיט אַ לִיכְטִיגֶער זוּן.

מִיר פִירְן זִיךְ אַז מֶען טוּט אָן בִּגְדֵי שַׁבָּת בַּיים צִינְדְן.

אִינְדֶערפְרִי זָאלְסְטוּ זָאגְן הַלֵּל מִיט חַיוּת, מִיט שִׂמְחָה; דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד, "מְקִימִי מֵעָפָר דָל" עֶר הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן "אַשְׁפּוֹת", בִּיז עֶר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט "לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים" - צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

...

## חֲנוּכָּה, אַ יוֹם טוֹב מִיט דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה; חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ, טוּן דָאס פַּארְקֶערְטֶע וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט טוּן - אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה; דַארְפְן מִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפָּארְן חֲנוּכָּה קַיין אוּמַאן וֶוען מֶען הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ, זֶען וִוי דִי טַאטֶע צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה.

זֶע אַוֶועקְצוּלֵייגְן אַלֶע דַיינֶע בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְגֶען, זָאלְסְט זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָנְצוּצִינְדְן דִי מְנוֹרָה בַּיים זְמַן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. וַואשׁ זִיךְ דִי הֶענְט פַארְ'ן צִינְדְן אוּן וַואשׁ דִי הֶענְט פוּן דִי קִינְדֶער, גְרֵייט אָן אַ מְנוֹרָה פַאר יֶעדְן קִינְד; מֵיידְלֶעךְ צִינְדְן נִישְׁט, נָאר אִינְגְלֶעךְ (קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען צִינְדְן). טוּ זִיךְ אָן אַ שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל, עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶךָ.

...

## חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט חֲנוּכָּה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב) אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ

צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (עַל הַנִּסִּים): "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה אֵלּוּ לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל".

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נוּץ אוֹיס דִי חֲנוּכָּה טֶעג מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דוּ צִינְדְסְט אָן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיי דִי לִיכְט; טְרַאכְט אַרַיין דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר. בִּיסְט גֶעוֶוען בִּיז נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אַ פְּלַג גוּף, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער בָּחוּר, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִיר, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף דִיר, יֶעצְט הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל, עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶךָ".

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער

*אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער לְכָבוֹד חֲנוּכָּה:*

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן – אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין וֶועג מִיט ר׳ יַעֲנְקְל, אַ סוֹחֵר פוּן מֶעל; ר׳ יַעֲנְקְל הָאט מִיט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין אָנְגֶעפִילְטֶע וָואגְן פוּן זֶעק מִיט מֶעל.

פָארְנְדִיג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן אוּן דֶער וָואגְן מִיט מֶעל אִיז בַּאגָאסְן גֶעוָוארְן, ר׳ יַעֲנְקְל הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען, וַוייל פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן הָארֶעוַואנְיֶע אִיז יֶעצְט גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן; מֶעל וֶוען עֶס וֶוערְט נַאס קֶען מֶען דָאס מֶער נִישְׁט נוּצְן אוֹיף גָארְנִישְׁט. דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען: ״יַעֲנְקְל שְׁטַארְק זִיךְ״, ״יַעֲנְקְל שְׁטַארְק זִיךְ״, ״עֶס וֶועט גוּט זַיין!״




אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְצֶע וֶועג.

רֶבִּי נָתָן זִיצְט נֶעבְּן ר׳ יַעֲנְקְל אוּן עֶר הֶערְט וִוי ר׳ יַעֲנְקְל זִינְגְט צוּ זִיךְ דֶעם נִיגוּן אַזוֹי זִיס, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר רֶבִּי נָתָן דֶער נִיגוּן, הָאט עֶר דָאס אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: **״וּמְנוֹתַר... וּמְנוֹתַר... וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשֶׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים״** אוּן בִּיז הַיינְט זִינְגֶען זִיךְ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים דֶעם תְּנוּעָה׳לֶע; מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיפְגֶעבְּן אָדֶער מֶען וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה.

*(די מעשה האט דער ראש ישיבה שליט״א ספעציעל געשריבן פאר׳ן קונטרס, פאר די חשוב׳ע קינדער שיחיו).*

חנוכה ספעשל!

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעכאפטע וועכנטליכע קונטרסים

## עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות ותשובות אין אלע
אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
**הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**

איז שוין יעצט
דא צו
באקומען
אפגעשיקט

**יעדע
וואך
צו אייער
טיר
אויף די
פאסט**




חנוכה ספעשל:
צאלט פאר איין יאר
באקומט 4 וואכן
אומזיסט

פאר די ביליגע
פרייז פון בלויז
**$2.99**
פער וואך

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן
געווארן פון די געשמאקע בריוו,
פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן
פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718.387.2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscription@kerenhadfusa.org

goodpointmediainc@gmail.com